# מיזעלס אפט געפרעגטע פראגעס

**וואס איז מיזעלס?**

מיזעלס איז א שטארק אנשטעקיגע ווירעל קראנקהייט וואס פאראורזאכט פיבער און אן אויסשלאג.

**ווער באקומט מיזעלס?**

סיי ווער עס איז נישט וואקסינירט קען באקומען מיזעלס ביי סיי וועלכע עלטער.

**וויאזוי פארשפרייט זיך מיזעלס?**

דער מיזעלס ווירוס וואוינט אין אן אינפעקטירטע מענטשנ'ס נאז און האלז שליים. ווען דער מענטש ניסט אדער הוסט, שפריצט די מיזעלס ווירוס אריין אין די לופט און מענטשן קענען אריינאטעמען די ווירוס. די ווירוס בלייבט אקטיוו און אנשטעקיג אין די לופט אויף ביז צווי שעה.

די קראנקהייט איז העכסט אנשטעקיג - אויב איין מענטש האט עס וועלן 90 פראצענט מענטשן ארום אים עס אויך באקומען אויב זיי זענען נישט אימיון.

**וואס זענען די סימפטאמען פון מיזעלס?**

פריע סימפטאמען פון מיזעלס שליסן איין פיבער (וואס קען גרייכן 103 ביז 105 דעגרי F), הוסט, רינעדיגע נאז און רויטע, וואסעריגע אויגן. דריי ביז פינף טעג נאך די סימפטאמען הויבן זיך אן, ערשיינט אן אויסשלאג פון רויטע פינטלעך אויפן פנים און דערנאך פארשפרייט זיך עס איבער די גאנצע קערפער.

**ווי שנעל טוען די סימפטאמען ערשיינען?**

סימפטאמען ערשיינען געווענליך 10 ביז 12 טעג נאכן אריינאטעמען די ווירוס; סימפטאמען קענען זיך אנהויבן אזוי פרי ווי זיבן טעג אדער אזוי שפעט ווי 21 טעג נאכן זיין אויסגעשטעלט צו די ווירוס.

**ווען קען א מענטש מיט מיזעלס עס פארשפרייטן צו אנדערע?**

א מענטש קען פארשפרייטן מיזעלס פון פיר טעג איידער ביז פיר טעג נאך עס ערשיינט דער אויסשלאג.

**קען א מענטש באקומען מיזעלס מער ווי איין מאל?**

ניין. באקומען די אינפעקציע מאכט א מענטש אימיון פאר זייער גאנצע לעבן; דאס מיינט אז זיי קענען עס נישט באקומען נאכאמאל.

**איז פארהאן א וואקסין צו פארמיידן מיזעלס?**

יא. די מיזעלס וואקסין ווערט געגעבן אין טאג פון אדער נאך א קינד'ס ערשטע געבורטסטאג. עס איז צוזאמענגעשטעלט מיט מאמפס און רובעלא וואקסינען אין איין וואקסין וואס ווערט אנגערופן MMR (מיזעלס, מאמפס און רובעלע). א צווייטע דאזע פון MMR וואקסין איז רעקאמענדירט איידער קינדער הויבן אן סקול ביי די עלטער פון 4 ביז 6 יאר. ווער עס האט באקומען צווי דאזעס פון א מיזעלס וואקסין ווערט באטראכט אלס אימיון און וועט ווארשיינליך נישט באקומען מיזעלס.

**וואס איז די באהאנדלונג פאר מיזעלס?**

עס איז נישט פארהאן קיין ספעציפישע מעדעצין צו באהאנדלען די מיזעלס ווייראס, אבער עס זענען פארהאן מעדעצינען וואס קענען באהאנדלען עטליכע סימפטאמען, אזויווי א מעדעצין אראפצוקלאפן הויכע פיבער.

**קען מיזעלס פאראורזאכן אנדערע געזונט פראבלעמען?**

בערך א דריטל פון באריכטעטע מיזעלס פעלער האבן געהאט כאטש איין קאמפליקאציע. געזונטהייט פראבלעמען וועלכע זענען פאראורזאכט דורך מיזעלס קענען אריינרעכענען דייעריע, אויערן אינפעקציע, לונגען אנטצינדונג, סישערס און אינפעקציע פון די מח און נערוון סיסטעם. אין טייל פעלער, קען מיזעלס פאראורזאכן טויט. אין א שוואנגערדיגע פרוי קען מיזעלס צוברענגען מפיל צו זיין און פריצייטיגע געבוירן. מיזעלס קען זיין ערנסט אין יעדן עלטער. פונדעסטוועגן, וועלן פיצלעך בעיביס, יונגע קינדער, שוואנגערדיגע פרויען און מענטשן מיט שוואכע אימיון סיסטעמס ענדערש ליידן פון מיזעלס קאמפליקאציעס.

**וויאזוי קען מען פארמיידן מיזעלס?**

די בעסטע וועג צו פארמיידן מיזעלס איז מיט וואקסינאציע. ווער עס איז געבוירן נאך יאנואר 1, 1957, וואס האט נישט באקומען צוויי דאזעס פון א וואקסין וואס אנטהאלט מיזעלס אדער האט נישט קיין בלוט טעסט וואס צייגט אז זיי זענען שוין אימיון צו מיזעלס, זאל באקומען צוויי דאזעס פון MMR וואקסין (די מיזעלס, מאמפס און רובעלע קאמבינאציע וואקסין). געזונטהייט ארבעטער ווערן פארלאנגט צו באקומען צוויי דאזעס פון א וואקסין וואס פארמאגט מיזעלס אדער דארפן זיי צייגן א בלוט טעסט וואס ווייזט אז זיי זענען באשיצט דערפון. אלע קינדער וואס זענען איינגעשריבן אין פרי-קינדערגארטן און דעי קעיר פראגראמען מוזן באקומען איין דאזע פון די מיזעלס וואקסין. קינדער וואס זענען איינגעשריבן אין סקול און קאלעדש אדער יוניווערסיטעט סטודענטן מוזן האבן צוויי דאזעס פון די מיזעלס וואקסין. אנגעפאנגען פון יוני 13, 2019 וועלן רעליגיעזע אויסנאמען פון די סקול אימיוניזעישן פארלאנגען מער נישט ווערן אנגענומען אין ניו יארק סטעיט. די געזעץ איז גילטיג פאר אלע קינדער פון פרי-קינדערגארטן ביז די 12טע קלאס אין פובליק און אין פריוואטע שולעס, אריינגערעכנט טשארטער און רעליגיעזע שולעס, און צו דעי-קעיר צענטערן און אנדערע טשיילד קעיר פראגראמען. שולעס און טשיילד קעיר פראגראמען וועלן ווייטער אננעמען מעדיצינישע אויסנאמען. אלע רעליגיעזע אויסנאמען ביז יעצט זענען מער נישט גילטיג. פאר מער אינפארמאציע וועגן שולע פארלאנגען, באזוכט schools.nyc.gov/immunization.

**די MMR (מיזעלס, מאמפס און רובעלע) וואקסין ארבעט טאקע?**

די MMR וואקסין איז זייער זיכער אוןווירקזאם. צוויי דאזעס פון די MMR וואקסין זענען בערך 97 פראצענט ווירקזאם צו פארמיידן מיזעלס; איין דאזע איז בערך 93 פראצענט ווירקזאם.

**איז די מיזעלס וואקסין זיכער (סעיף)?**

רוב מענטשן וואס באקומען די MMR וואקסין האבן נישט קיין זייטיגע ווירקונגען. עס זענען פארהאן מענטשן וואס באקומען מילדע זייטיגע ווירקונגען ווי פיבער, מילדע אויסשלאג אדער געשוואלענע דריזן אין די באקן אדער האלז. ערנסטע פראבלעמען מאכן זיך זייער זעלטן. פאר מער אינפארמאציע וועגן די MMR וואקסין, באזוכט אימיוניזעישן עקשן קאעלישן (Immunization Action Coalition): וואקסין אינפארמאציע דערקלערונגען אויף immunize.org/vis/vis_mmr.asp.

פאר מער אינפארמאציע אויף וואו אייער קינד קען ווערן וואקסינירט, רופט 311.

**וואו קען איך באקומען מער אינפארמאציע וועגן מיזעלס אדער די MMR וואקסין?**

באזוכט די אנליין ריסאורסעס:
מיזעלס (Immunization Action Coalition): vaccineinformation.org/measles
מיזעלס איבערזוכט (סענטערס פאר דעזיז קאנטראל): cdc.gov/measles